# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן

פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

• גיליון פג - חנוכה תשפ"ב •


## חנוכה - מלחמת היוונים

מיר שטיין אין די טעג וואס רופט זיך יום טוב חנוכה. דער יום טוב איז געבויט פון אסאך נקודות למעשה וואס באגלייטן אונז אויף א גאנץ יאר.

### 'אין לכם חלק באלוקי ישראל'

איינע פון די זאכן איז די מלחמה, מלחמת היוונים. בפשטות זעט אויס אז די מלחמה איז געווען: דאס אז אלע זענען געווארן מתייונים, 59 יאהר וואס דער ביהמ"ק האט נישט געארבייט, מען טוט נישט די עבודה וכו' (לויט די רמב"ם), מ'שטייט אין א מצב וואס אינגאנצען 13 מענטשן, זענען דא ביים כלל ישראל, וואס זאגן 'יש לנו חלק באלוקי ישראל', ס'פירט זיך א מלחמה. און ס'פאסירט א מוירדיגער נס, סוף מלחמה זענען זיי געבליבען נאר 8 מענטשן, וואס זאגן 'יש לנו חלק באלוקי ישראל', 5 פון די 13 זענען שוין געהארגעט געווארן. און זיי די 8 מענטשן, האבען געוינען בי די מלחמה, און ס'שטעלט זיך צוריק א ביהמ"ק, אויף נאך 200 יאהר וואס דער ביהמ"ק שטייט, מען מאכט שוין ווייטער די עבודה וכו' וכו'.

### היפוך פון "כי חלק ה' עמו"

ס'איז דא איינע פון די יסודות פון די מלחמה, וואס באגלייטן אונז ביז די מינוט, איז דער יסוד וואס די יוונים האבן געוואלט משריש זיין רח"ל אז 'אין לנו חלק באלוקי ישראל'. אוואו האבן זיי דאס געוואלט אריינלייגן? דער היפוך פון "כי חלק ה' עמו", אין דעם חלק אלוק ממעל וואס דער איד האט אין זיך, און אז מיט יעדע פעולה וואס ער טוט איז ער כביכול מקושר צום הקב"ה, און כביכול אז הקב"ה ווארט אויף יעדע קליינע פעולה פון א איד... וכו' וכו'.

די מלחמה איז אין די מוח פון די מענטש, און דאס איז טייטש, יעדן טאג, נישט דא א טאג וואס דער איד טרעפט זיך נישט אן מיט די מלחמה. און דאס ווערט זיך ארויסגעבן, צי ער געדענקט, און צי ער גלייבט, און צי ער לעבט אז ער איז **יא** א חלק פון אויבערשט'ן, ער איז יא צוגעטשעפעט צום באשעפער, צו ער האלט אן דעם קשר צום באשעפער. אדער חלילה נישט, צי ער איז א נפרד ח"ו.

### די עצבות פון נאך א עבירה

צום ביישפיל, איינע פון די כוחות וואס דער יצה"ר לייגט אריין אין די מענטש, ווען ער געפינט זיך נאך א עבירה - די עצבות פון נאך א עבירה, עצבות איז דער היפוך פון שמחה. שמחה איז "עוז וחדוה במקומו" און עצבות איז רח"ל פאקערט - ס'איז חושך, ס'איז ריחוק פון אויבערשט'ן.

נאך אן עבירה שפירט זיך דער מענטש אז ער איז אפגעטשעפעט, פארוואס? ווייל באמת בשעת ווען א איד טוט אן עבירה, איז ער רח"ל מסתיר דעם אור פון אויבערשט'ן. און ס'איז טאקע דא עפעס אין דעם, עס איז אמת. אבער מען דארף וויסן און געדענקען, אין די אלע צייטן וואס ס'איז נאך די עבירה, אדער ס'שטעלט זיך אויס אמאל א גאווה, וואס "תועבת ה' כל גבה לב". דער מינוט וואס א מענטש איז "איך בין..." איז ער אפגעטשעפעט פון אויבערשט'ן. אמאל איז דאס הצלחות, און אמאל איז דאס אפילו פארקערט - כשלונות, ווען ער איז חלילה דארכגעפאלן. אויף וואס פאר א זייט דער מענטש רוקט זיך, אין די אלע סארט זמנים און מצבים, זאל ער וויסן, אז ער האט דעם נסיון פון פארגעסן די נקודה פון "יש לנו חלק באלוקי ישראל".

### נס חנוכה לדורות

זענען געקומען חז"ל און האבן דאס אוועקגעשטעלט אויף לדורות, דעם יו"ט, אז מ'זאל געדענקען - מ'מאכט 8 טעג א יו"ט, מ'זאל געדענקען די גאנצע מלחמה פון די יוונים, מיט די אלע נקודות, ס'איז למעשה א פאזעל פון אסאך נקודות. איינע פון די זאכן וואס מ'דארף געדענקען, אז דו ביסט אין א מלחמה תמידית וואס דער יווני האט דיר געהאלטן אין איין שרייען: 'אז אין לך חלק' - און דו דארפסט זיך קריגן

אויף דעם דיין גאנץ לעבן.

***תרבות יון, חכמה יוונית***

מ'וועט ברענגען נאך א נקודה אין מוח, פון די זעלבע משפחה: תרבות יוון, חכמה יוונית - איז תרבות הגוף, דאס הייסט, מטפח זיין, אנפאשען דעם גוף. און נישט מחשיב זיין די מחשבה, פוגם צו זיין אין חשיבות המחשבה, וואס הייסט? אונז ווייסן, אז א גוף איז א כלי צו דינען דעם אויבערשט'ן, במחשבה, דיבור ומעשה. ס'איז סה"כ א אמצעי, נישט דער גוף איז דער תכלית.

איינע פון די זאכן וואס איז דער תרבות יוונית, איז צו פאשען דעם גוף. קומט אויס, ווייטער א פגם. אז נישט די מחשבה איז דער עיקר, נאר דער גוף איז דער עיקר ח"ו.

די זעלבע זאך, אמאל אז דער מענטש ווערט מער מגושם, איז ער ווייטער אריינגעפאלן אין די נקודה פון דער תרבות יון - פון פאשען דעם גוף.

במאמר מוסגר: דער הייליגער 'בעל תניא' איז מסביר, "אשר בחר בנו מכל העמים". בחירה הייסט אזא זאך, וואס איז די זעלבער ווי דער צווייטער און איך בין דאס בוחר, איז "אתה בחרתנו מכל העמים" - דער גוף קוקט אויס, להבדיל, אזוי ווי א גוי'שער גוף. קומט דער 'בעל התניא' און ער איז מסביר, אז, ניין! דער "אתה בחרתנו" - דער גוף איז א הייליגער גוף, קדושת הגוף, ס'האט א מוירעדיגע נקודה.

אבער, מ'פארגעסט נישט, אז דער גוף, דער חומר איז נאר אן אמצעי צו קענען צוברענגען דבקות הבורא. און יא זיין צוגעטשעפט צום אויבערשט'ן.

היוצא לנו מכל זה, וואס קומט ארויס למעשה, אז א מענטש וועט זאגן: 'חנוכה, זייער פיין, ס'גייט אריבער די 8 טעג - מ'וועט צינדן לעכט, מ'וועט מקיים זיין אלע מנהגים, מ'וועט מאכן די נקודה פון תודה, פון להודות ולהלל מ'וועט לעבן די נקודה פון אור התורה... וכו' וכו' אלע נקודות...' - אבער, ס'איז לשעתו, ס'איז נאר די 8 טעג - ניין, דאס איז אזא ראש השנה, אזוי ווי פסח איז די ר"ה פון אמונה, שבועות איז די ר"ה פון תורה. חנוכה - איז איינע פון די זאכן, דעם ר"ה פון די מלחמה אין מוח.

די זעלבע זאך, און ס'איז דא נאך נקודות, וואס דאס איז די ר"ה פון דעם חנוכה.

## די 'ליכטיגע' טעג פון חנוכה

***אור מיט חושך***

איינע פון די זאכן אין די מלחמה, איז די נקודה פון אור מיט חושך. סתם חושך, דארף מען נישט מסביר זיין וואס דאס הייסט חושך, ס'איז דא חושך גשמי - פשוט עס איז טינקל, ער זעהט נישט וואו צו גיין, ער זעהט נישט וואס גייט ווייטער - ער זעהט נישט, נישט ווייל זיינע אויגן זעהן נישט, נאר ווייל די אין גאנצע וועלט איז יעצט חושך.

אור - הייסט, ס'איז לעכטיג. די גמרא זאגט: דאס וואס שטייט ביי אברהם אבינו ביי ברית בין הבתרים "אימה חשיכה נופלת עליו". חושך זה יוון, 'חשיכה' וואס שטייט דא 'זה יוון'. ביי די צייט פון די יוונים איז אראפגעקומען א חושך אויף די וועלט. א חשכות פון אמונה.

***טרעפן דעם אור אין דעם חושך***

מ'וועט יעצט אריינגיין אין א קליינע נקודה, וואס ווען א איד געפינט זיך אין א נקודת חושך, קען ער אין דעם חושך - טרעפן דעם אור! א איד וואס האט אמונה אין דעם חושך, ער גלייבט אין די זמן פון דעם חושך, אז דער אויבערשטער האט געמאכט דעם חושך. דאס אז ער כביכול האט דאס געמאכט - דאס איז דער גרעסטער אור וואס קען מאיר זיין אין דעם חושך.

***"ה' אמר לו קלל"***

ח"ו ווען א מענטש געפינט זיך אין א צרה, ער געפינט זיך אין א פראבלעם - איז גלייך ביים ערשטן מחשבה די סעקונדע, די ערשטע זאך, זאל דער מענטש געדענקען און זיך דערוועקן און זיך באטראכטן 'די צרה איז מיר נישט געקומען פון זיך אליין', איינער האט דאס געברענגט. און נישט דער און יענער האט דאס געטועהן, נאר "ה' אמר לו קלל" דער אויבערשטער האט דאס צוגעברענגט. דער מצב וואס איך שטיי די מינוט, איז דא א אויבערשטער וואס ער האט דאס געמאכט' - דאס איז דער גרעסטער אור וואס קען מאיר זיין אין דעם גרעסטער חושך!

***"כי אשב בחושך ה' אור לי"***

דער ערשטע אור, און דער ערשטע פינק, און די ערשטע תקווה דאס איז די זאך, וואס וועט אים ארויסנעמען פון די שווערע מצב. אסאך מער ווי די מענטשן וואס גייען עם העלפן. וויל נאך אלעס - די מענטשן וואס גייען עם העלפן - מוז נישט זיין אז זיי וועלן קענען, זיי וועלן דערלעבן וכו' וכו'.

אבער דער נקודת אמת, אז דער אויבערשטער האט געמאכט די נקודת חושך, דאס איז דער ערשטע אור! וממילא, "כי אשב בחושך ה' אור לי", איך זיץ אין חושך, די מציאות איז אז איך בין טאקע אין א חושך. אבער טאמער איך געדענק אז דער אויבערשטער האט מיר געמאכט די חושך, איז "ה' אור לי", דער אויבערשטער איז מיין אור.

***"יתרון האור - מן החושך"***

ס'איז ידוע דער פסוק "יתרון האור מן החושך" - די שיינקייט פון דעם אור

זעהט מען ווייל ס'איז דא חושך, דאס איז דער פשוט'ער פשט. אבער ס'איז דא נאך א טיפערע זאך - דער חושך איז מגלה די חשוב'קייט פון דעם אור! קומט אויס, אז די חשך אליין איז א עצם, וואס **אין דעם חושך** אליין ליגט דער גרויסער חלק פון דעם אור.

און וועגן דעם זאגט מען "יוצר אור ובורא חושך", דער זעלבער יוצר פון דעם אור, (אור איז "יצירה" אדער "בריאה") אבער מ'וועט אריינגיין אין דעם יסוד, ס'איז דער זעלבער באשעפער. ממילא וועט מען פארשטיין א מוירעדיגע זאך: מיר טרעפן דער לשון דארטן, מ'האט איינגענומען די יונים ביי די מלחמה, "בדקו ומצאו" - זיי זענען געגאנגען זוכן, זיי האבן געהאט א אמונה, מ'איז נישט געווען פארלוירן. מ'האט אריינגעשיינט אין די נקודת אמונה - דאס האט געברענגט דער אור פון דעם נס וואס זיי האבן באקומען אנקעגן דעם כח פון זייער אמונה.

*נקודה למעשה*

ממילא, וואס קומט ארויס למעשה, א מוירעדיגע נקודה: אז יעדע מענטש אין זיין חושך, מיט די נקודת האמונה - מיט דעם אליין איז ער מאיר.

איך וועל ברענגען א קליינע נקודה, ס'איז ידוע פון בעל התניא, אז יעדער בלבול הדעת פון א מענטש קומט מחמת חסרון אמונה. בלבול הדעת, ברענגט אויכעט א 'בחינת חושך'. דער מענטש ווייסט נישט - אזוי ווי ביי א חושך ווייסט נישט דער מענטש וואו צו גיין, אז דער דעת ווייסט נישט וואו צו גיין, דאס הייסט 'בלבול הדעת'. ער ווייסט נישט צו אהער צו אהין, ער ווייסט נישט וואו ער שטייט, איז דאס אויכעט א נקודת חושך. דער נקודת חושך קומט פון **חוסר האמונה**. ווייל די סעקונדע וואס דו האסט דעם "ה' אור לי" - האסטו שוין נישט דעם בלבול. מ'זעהט קלאר, אמאל קענסטו זעהן קלאר די פראבלעם, אבער דו ביסט נישט 'מבולבל', זעהסט א קלארע פראבלעם. בלבול - הייסט אז דו זעהסט נישט קלאר ווי דו שטייסט.

דאס איז איינע פון די נקודות וואס מ'קען ארויסנעמען אויף חנוכה. און למעשה, אלעמאל ארייננשיינען א נקודת אור אין דעם חושך - דער אור האמונה.

## דער טיעפער לימוד פון נס חנוכה

*חביבות המצוות*

אין די טעג פון חנוכה קען מען זעהן, איינע פון די שיינע זאכן, פון די גאנצע סוגיא פון חנוכה: וואס דער אויבערשטער האט באוויזן א נקודה פון חביבות פאר כלל ישראל. ער האט זיי געגעבן א נס מיט די פך שמן. וואס זאגט דאס פאר אונז? אז דער אויבערשטער זאגט אונז איך דארף אייערע מצוות, און איך מאך פאר אייך א נס, איר זאלט קענען מקיים זיין די מצוות.

לאמיר זיך מתבונן זיין, וואס איז דא געווען, ס'איז ידוע, אז ס'איז אפילו דא אויף דעם א מחלוקת צי "טומאה הותרה בציבור" האט מען געקענט מעיקרא נוצן 'שמן טמא', און טאמער נישט, וואלט מען געווען פטור פון צינדן, וואלט מען געווארט 7 טעג - וואס דער נושא איז דאך א לאנגע ברייטע סוגיא ארום די נס המנורה.

*'חשיבות פון איין מצווה'*

אבער, איך וויל זיך אוועק שטעלן נאר אויף די נקודה פון די 'חשיבות פון איין מצווה'. און בס"ד וועט מען אנקומען צי די נקודה אויף למעשה, דער יו"ט חנוכה איז א יו"ט וואס וועט אונז ארויסגעבן די בליק אויף א גאנץ יאהר - ווי ווייט דער אויבערשטער דארף אונזערע מצוות, און ער ווארט אויף דעם מששת ימי בראשית, און ווי חשוב איז דאס ביי עם.

די מעשה וואס האט פאסירט, דער אויבערשטער האט מסבב געווען א סיבה, וועגן די מלחמה... האט מען געטראפן א פך שמן, און ס'איז געווען א נס יעדן טאג מיט די שמן. און חז"ל האבן מתקן געווען וועגן דעם א מצווה דרבנן, כדי מ'זאל געדענקען דעם נס. אז וואס? נישט נאר מ'זאל געדענקען חנוכה, נאר א גאנץ יאר זאל מען געדענקען אז דער אויבערשטער איז מחשיב אונזערע מצווה, און ער דארף אונזערע מצוות. און ער טוט פאר אונז ניסים, מ'זאל מקיים זיין זיינע מצוות.

*דעם יסוד פון דעם הייליגן בעל שם טוב*

כדי דאס אראפצוברענגען אין יעדן טאג, וועט מען נוצן דעם יסוד וואס דער הייליגער בעל שם טוב האט אונז געלערנט: אונז ווייסן אלעמאל פון בעל שם טוב, אז ווען א מענטש זעהט א זאך, וואס ער זאל נאר נישט זעהן, איז דער טייטש אז מ'רעדט יעצט פון הימל צו עם. און מ'וועט דאס רופן, אז ס'איז דא יעצט א בת קול פון הימל: 'דוד, לערן זיך אפ די און די נקודה, הער, קוק, זעה און לערן - וואס דאס רעדט צו דיר? איך מאך דא די זאך, איך ברענג צו דיר דער מקרה זאל פאסירן - בבקשה, דאס איז נישט קיין מצווה, דאס איז א השגחה פרטית, דו זאלסט לערנען די הנהגה פון אויבערשט'ן.

אמאל איז דאס א נקודת מוסר, דו זאלסט זיך אויסלערנען. דער אויבערשטער ציכטיגט איינעם, און דו זאלסט זיך לערנען - קוק! אמאל איז דאס א נקודה פון זעהן חסדים פון אויבערשט'ן, אמאל ח"ו איז די הוראה צו זעהן פאקערט פון חסדים. יעדעס מאל וואס דער אויבערשטער וויל רעדן

צו דער מענטש און דער מענטש דארף טאקע אלעמאל מתפלל זיין אז "ותקננו בעצה טובה מלפניך" - איך זאהל באמת פארשטיין וואס דער אויבערשטער האט געוואלט יעצט רעדן צו מיר. און דער אויבערשטער זאל מיר חונן דעת זיין, איך זאל פארשטיין וואס ער רעדט.

*מען רעדט צו דיר כסדר פון הימל*

און מיט די נקודה וועט מען נאכמער אראפגיין. אז עס קומט אויס, אז אפילו זאכן, וואס ס'איז פאסירט מיט אונז יעדן טאג, א איד שטייט אויף אינדערפרי - יעדן טאג, ער גייט אין מקווה יעדן טאג... יעדע זאך וואס פאסירט מיט עהם - למעשה רעדט מען דעמאלט צו עם פון הימל יעדן מאהל.

נאר ווען ס'פאסירט א דבר של שינוי, איז דער מענטש מער אויפגעראמט, 'אוי, ס'האט מיר עפעס פאסירט - מ'רעדט צו מיר'. באמת, רעדט מען יעדן טאג צו מיר.

עס איז דא נאך א זאך וואס דער אויבערשטער רעדט צו מיר, דער אויבערשטער שטעלט מיר צי איך זאל קענען לייגן תפילין יעדן טאג - דער עצם זאך, אז דער אויבערשטער האט מיר מזמין געווען אויף די היינטיגע טאג, אז איך זאל קענען מקיים זיין די און די מצווה, און איך בין ח"ו נישט אין א מצב פון 'פטור', אזוי ווי א חולה, ווי א 'חולה מעיים' וואס איז פטור פון תפילין, ס'איז דא סיבות מסיבות שונות. און דער אויבערשטער האט מיר יא מזמין געווען די תפילין, איז דער טייטש אז דער אויבערשטער ווארט יא אויף דעם, און יעדן טאג פון דאס ניי. אויף מיינע ברכות, מיינע גוטע מחשבות, יעדע ריר - איז א קלארע באוויז אז דער אויבערשטער ברענגט מיר צו, איך זאל קענען צוקומען צו די מצווה.

*קלארע באווייזונגען פונעם אויבערשטען*

מען זאל נישט טראכטן - ס'איז סיי ווי סיי דא א טאג, און ס'איז דא סיי ווי סיי מצוות, און איך דארף אריינשטעלן אין דעם טאג די מצוות... די מינוט וואס א מענטש לעבט אין א נקודה אזוי ווי עס דרייט זיך היינט די וועלט - ארום די נושא פון השגחה פרטית, איז ביי השגחה פרטית זעהט מען נאר, אז ווען ס'האט עפעס פאסירט אזא און אזא זאך... פונקט יענעם האט געווארט... און יענער האט פארשפעטיקט... אינמיטן איז ארויסגעקומען... איינעם עפעס א טובה וכדומה- השגחה פרטית מיינט אויך אז לייגן תפילין יעדן טאג, אפילו אין די זעלבע שעה - דאס איז א השגחה פרטית וואס דער אויבערשטער איז משגיח, אז איך זאל קענען צוקומען צו לייגן די תפילין, אזוי חשוב פונקט ווי דער נס חנוכה מיטן פך שמן.

*נישט וויי'ניגער חשוב ווי דער נס פך שמן*

און דאס דארף מען זיך טאקע ארויסלערנען, און דער געדאנק דארף מען אריינבאקן אין זיך, אז יעדן מאל ווען ס'וועט נאר זיין, זאגט מיר דער אויבערשטער. און מ'דארף דאס לעבן - אז דער אויבערשטער רעדט צו מיר: איך דארף פון דיר די און די מצווה... איך ווארט אויף דיין וואשן די הענט פון נאך די מקווה, איך ווארט אויף דיין ברכה, אויף אלע דרבנן'ס... פון ששת ימי בראשית ווארט איך... און ס'איז נישט צופעליג דאס וואס האט פאסירט אז דו ביסט אויפגעשטאנען דארפסטו וואשן די הענט - נישט אזוי גייט דאס.

*"לפיכך הרבה להם תורה ומצוות"*

איך האב דיר צוגעשיקט דער "כבוד אב ואם", איך האב דיר צוגעשיקט די נקודת חסד, איך האב דיר צוגעשיקט די מינוט לערנען. און דער אויבערשטער געבט מתנות - מינוטן, חיים, און נאך מער, אזוי ווי דער לשון איז "לפיכך הרבה להם תורה ומצוות". קוקט אויס אז ער איז מרבה נאכאנאנד. אז דער אויבערשטער האט אונז געוואלט מזכה זיין האט ער דאס מרבה געווען, און ער געבט אונז נאכאנאנד מצוות.

*"מעוות לא יוכל לתקון"*

און ח"ו ווען ס'פעלט - פעלט אין שלימות הבריאה. כדי צו פארשטיין וואס הייסט אז ס'פעלט... כביכול פעלט אין שלימות הבריאה, דאס איז דער יסוד אויף אלעמאל. אויף יעדער מצווה אין כל ימות השנה. מ'זאגט פאר מענטשן: 'וועסט פעלן די מנחה, האסטו פארפעלט... "מעוות לא יוכל לתקון", א איד וואס האט געקענט דאווענען און ער האט נישט געדאווענט, ס'געקומען די זמן תפילה און ער האט זיך געטראפן אן א דאווענען "מעוות לא יוכל לתקון". דער מענטש וועט זאגן: 'וואס הייסט, איך האב שוין געדאווענט טויזענטער מאהל, און איך גיי נאך דאווענען טויזנטער מאהל... איז פעלט איין שטיקל, נא פארדעם האט זיך דער גאנצע וועלט אפגעשטעלט?! - "לא יוכל לתקון"....

דאס צי פארשטיין, פונקט אזוי וואו דער כזית מצה, און די חנוכה לעכט, און אזוי אויך אלע מצוות דרבנן, און די אלע קלייניקייטן - וואס ס'קוקט אויס קלייניקייטן. זענען אלע יסודי'שע זאכן, אזוי איז ממש יעדע מצוה, מ'וועט דאס מסביר זיין, ס'איז דא אזא זאך 'קומה שלימה' - א מענטש איז א קומה, די בריאה איז א קומה, די 'שית אלפי שנין' איז א קומה, און מ'בויעט דאס.

*מ'בויעט דא א 'קומה שלימה'*

ווי ס'איז דער משל, מ'דארף בויען א מענטש, מ'האלט אינמיטן פארעכטן ביי א מענטש א שטיקל פון קנעכל, דער קנעכל פון פוס. מ'קען זאגן אז יעצט פארעט מען זיך, מ'בויעט א קנעכל, אז ס'וועט נישט זיין איז נאך פארדעם נישט אפגעשטעלט די וועלט. מ'קען אבער זאגן, למעשה, פארעט מען זיך מיט די בלוט פון דעם גאנצער מענטש, דער מענטש גייט יעצט דארך אן 'אפעראציע'. מ'קען זאגן ווי מ'גייט דארך אן 'אפעראציע', ס'האט מיט די קנעכל - אבער ס'האט באמת שייכות מיט דעם גאנצן גוף, די גאנצע בלוט, די

גאנצע הויט, מיט די גאנצע סיסטעם פון די נערוון, די אלע כוחות!

און יעדן טאג בויען מיר די קומה נאך א טאג, נאך א תפילה. ווען אונז בויען נישט די שטיקל, פעלט אין די 'קומה שלימה' פון 'שית אלפי שנין' די שטיקל - יא, אין די מנחה ליגט יעצט די גאנצע זאך. איי, די מנחה איז אליין א גאנצע קומה?! די גאנצע קומה איז איין זאך, אבער די שטיקל פון די קומה, ווען ס'פעלט - פעלט די שטיקל! און ס'פעלט אין די קומה שלימה.

***על פי קבלה גארנישט מדלג זיין ביים דאווענען***

וועגן דעם איז טאקע ידוע, על פי קבלה אז מ'זאל נישט גארנישט פארפעלען אין דאווענען, נישט מדלג זיין, אין די אלע זאכן... ריכטיג, אונז פאסקענען אזוי ווי אין שולחן ערוך. אבער מען דארף וויסן דעם עומק, פארוואס זענען זיי געשטאנען אזוי שטארק- ווייל זיי האבן געזעהן אז ווען דו דאוונסט בויעסטו א קומה. יעדער תפילת שחרית איז א גאנצע קומה, מיט א גאנצע סדר השתלשלות.

ס'פעלט א שטיקל קומה... האט ער נישט געבויעט! ס'פעלט אין דעם בויען. ס'פעלט אין די שלימות הקומה.

***חנוכה איז דער ר"ה פון מחשיב זיין א מצווה***

וועט מען צוריקגיין צו די נקודה: חנוכה איז דער ר"ה אויף א גאנץ יאר פון מחשיב זיין א מצווה. מ'האט געמאכט די גאנצע זאך. אויף נצוח המלחמה מאכט מען נישט קיין זכר, מ'מאכט "להודות ולהלל", אבער די מצווה דרבנן האט זיך אוועקגעשטעלט, דער אויבערשטער זאגט פארן איד: 'איך דארף דיין מצווה' - יא, איך דארף דאס! איך ווארט שוין משתת ימי בראשית, אז דו זאלסט טועהן די מצווה. און דאס בויעט מיין קומה, און זיי דאס מחשיב.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, אונז זאלן לעבן א גאנץ יאר מיט דעם אור, מיט די נקודה - געדענקען אז דער אויבערשטער איז מחשיב אונזערע יעדע קליינע מצווה.

# הלל והודאה

***ימי הודאה***

הלל והודאה, איז א גרויסע ברייטע נושא. ס'איז דא דא א קליינע נקודה וואס דער הייליגער 'חובת הלבבות' קאכט, און ער איז זייער מאריך און ער פארברייטערט: ווי אזוי צו קענען איינערקענען אין די הודאה צום אויבערשט'ן, די טובות וואס דער באשעפער מאכט אונז.

די 'חובת הלבבות', ווי אזוי ער גייט צי צו א זאך, זיין מהלך, און איינע פון די יסודות איז: התבוננות, כאילו דער מענטש האט נישט דעם כוח.

***התבוננות בחסדי השם***

למשל, צוםביישפיל, א מענטש קען נעבעך נישט זעהן, און דער מענטש איז א מוירדיגער חסר. עס פעלט איהם די כח פון זעהן, ער גייט צו א דאקטער, און דער דאקטער היילט עם אויס, ער זאל יא קענען זעהן. אדער למשל א מענטש קען נישט גיין, און מ'היילט עם אויס, ער זאל יא קענען גיין. אדער ער קען נישט הערן - די אלע כוחות, נעמען א כוח וואס דער מענטש האט יא אין זיין לעבן - און זיך פארשטעלן אז ער האט דאס נישט, און מ'היילט עם דאס אויס, און ער באקומט דאס. וויפיל הכרת הטוב, און וויפיל וועט ער זיך פרייען. און וויפיל וועט ער זיך איבערגעבן פאר דעם וואס האט דאס געטועהן.

און דאס אריבערזעצן און איבערטייטשן אויפ'ן אויבערשט'ן, ווי דער אויבערשט'ן געבט עם דאס נאכאנאנד - אז ער קען שטיין, און ער קען גיין, ער זעהט, ער הערט, די אלע חושים, די אלע כוחות וואס א מענטש האט אין לעבן. דאס איז דער יסוד וואס דער 'חובות הלבבות' שטעלט אוועק צו קענען צוגיין צו די נקודה פון דאנקען דעם אויבערשט'ן.

***די מעשה פון דעם הייליגען 'אבן עזרא'***

ס'איז ידוע די מעשה פון דעם הייליגען 'אבן עזרא' - דער אבן עזרא איז געווען א עני ואביון, זייער א גרויסער ארעמאן אין זיין לעבן. אמאל, האבן זיינע תלמידים באשטעטיגט, אים צו געבן א געוויסע סומע פון געלט- אבער ער האט נישט געוואלט נעמען פון זיי געלט, ער האט געוואלט כשר'ע געלט, וואס ער פאדינט זיך. ער האט געהאט זיין מהלך אין געלט.

זענען געזעצן תלמידים פון הייליגער אבן עזרא, און זיי האבן מחליט געווען אז ס'איז דא א געדאנק: מ'ווייסט דאך די וועג ווי ער גייט יעדן טאג, און מ'וועט דארטן אויסשפרייטן געלט. און ער וועט טרעפן א מציאה פון געלט, א מציאה פון געלט על פי הלכה געהערט דאך פאר דעם מענטש וואס טרעפט דאס - דאס איז כשר'ע געלט, ריין. און ער וועט דאס אויפהייבן, און ער וועט האבן געלט, ער וועט קענען זיך מקדם זיין אין זיין לעבן.

'אומר ועושה', די תלמידים האבן צוזאמגענומען א סכום געלט, און דאס אוועקגעלייגט אויפן וועג, ווי ער דארף גיין, און זיי זענען געשטאנען פון דערווייטנס און געקוקט "איך יפול דבר", וואס וועט דא פאסירן, ווי וועט גיין די הנהגת הבורא דא אין די שפיל. (זיי גיין דאך העלפן פארן רעב'ן...). זיי זעהן דער אבן עזרא גייט ארויס פון שטוב, ער גייט אין ישיבה. און אויפן וועג, ווי זיי האבן געלייגט די געלט - עפעס אזוי פאר

דעם, געבט ער א פארמאך די אויגן, און ער גייט מיט פאמאכטע אויגן לאנגסאם. כמעט אזוי ווי א בלינדער, ער גייט און גייט, און גייט אריבער דעם פלאץ, און ער קומט אן אין ישיבה.

זיי האבן זיך זייער געוואונדערט, א פלא גדול - קיין איין טאג פארמאכט ער נישט די אויגן, און ס'פאסירט נישט אזעלעכע זאכן. און דא מיטאמאהל, ווייל זיי האבן געלייגט די געלט, פארמאכט ער פינקט די אויגן?! וואס קומט דא פאר?! זיי האבן געוואוסט אז ס'איז דא דא א טיפע לימוד.

די אבן עזרא איז אנגעקומען אין ישיבה, און די תלמידים האבן מחליט געווען עם צו פרעגן, וואס האט פאסירט אז ער האט פארמאכט די אויגן ווען ער ווייסט נאך נישט וועגן די געלט?! (זיי האבן אפילו נישט געוואלט פארציילן וועגן די געלט...) אבער זיי האבן נאר געוואלט וויסן, פארוואס האט די רבי פארמאכט די אויגן?! האבן זיי געפרעגט.

האט דער אבן עזרא זיי געזאגט: 'אויב די תלמידים פרעגן, וועל איך זאגן. איך ליידער מיטשער זיך זייער שטארק, איך געפון זיך אין זייער א דחקות, און איך בין געווען אין מיין הארץ זייער פארלייגט, אבער א איד דארף זיין פריילעך צום אויבערשט'ן, האב איך געטראכט א גידאנק, ווי אזוי קען איך יא דאנקען דעם אויבערשט'ן, ווי אזוי קען איך זיך יא פרייען צום באשעפער, ווי אזוי קען איך יא לעבן "בשמחה תמיד" ווי די מצווה איז?! האב איך געטראכט א פשוט'ע זאך, איך גיי דאך יעצט אין ישיבה, איך וועל זיך מצייר זיין, איך וועל זיך פארשטעלן: ח"ו ווען איך וואלט געווען א בלינדער... ווי אזוי וואלט איך געגאנגען... איך וואלט זיך זייער געמוטשעט... - האב איך געוואלט דאס שפירן, האב איך פארמאכט מיינע אויגן און געגאנגען מיט פארמאכטע אויגן, אזוי האב איך אנגעהויבן שפירן וואס דאס איז... און אזוי קען איך בעסער דאנקען דעם אויבערשט'ן אויף דעם וואס איך זעה יא!

דאס איז באמת ארויסגעגעבן די נקודה וואס דער 'חובת הלבבות' וויל ארויסגעבן, ווי אזוי דער אבן עזרא האט גענוצט דעם געדאנק פון דעם 'חובות הלבבות'.

***צווישן פורים מיט חנוכה***

דאס רעדט זיך דא לגבי הודאה, ס'איז ידוע דער 'לבוש', וואס ער שרייבט אז דער חילוק צווישן פורים מיט חנוכה. פארוואס האט מען פורים געמאכט שמחה און משתה, און חנוכה - הלל והודאה?! אז חנוכה איז געווען די גזירות אויפן נפש און פורים אויפן גוף. פורים - איז געווען א גזירה אויף די גוף, האט מען געמאכט די משתה ושמחה אויפן גוף. חנוכה - איז געווען אויף די אידישקייט, אויפן איד. איז מען מחזק, הלל והודאה. מ'קאכט אין די נקודה פון דעם איד מיטן אויבערשט'ן, ווי אזוי ס'קאכט זיך אויס.

***נאך א נקודה זיך מתבונן זיין חנוכה. ח"ו ער ווערט געבוירן ביי א גוי***

לויט די מהלך, פון דעם הייליגע 'חובות הלבבות', מיטן אבן עזרא וועגן וואס מ'האט יעצט גערעדט, איז דא נאך א נקודה חנוכה וואס א מענטש דארף זיך מתבונן זיין. ח"ו ווען ער ווערט געבוירן ווי א אראבער, ווי א גוי און שטוב, און ער איז א גוי'עלע, וואס פאר א ליידיגע לעבן וואלט ער געהאט... וואס פאר א גארנישט... די שעצונג פון זיין לעבן וואלט נישט גיהאט קיין שום ערך, קיין שום ווערד. ער וואלט געווען פארנומען די גאנצער לעבן מיט קנאה, תאוה, און כבוד.

איינער פון די שרעקליכ'סטע זאכן וואס לייגט אוועק די גאנצע לעבן פון מענטש, און ס'מאכט די לעבן אומגליקלאך - איז די הרגשה אז ס'קומט עהם נאכאנאנד. א איד ווייסט אז אלץ איז דער אויבערשטער, ס'ווערט גארנישט אליין, כאפט ער זיך אז קיין מענטש קומט עם גארנישט, ער באקומט נאכאנאנד חסדים "הגומל חסדים טובים לעמו ישראל", ער האלט אין איין באקומען חסדים - איז ער א גליקלאכער. ער גלייבט אין השגחה פרטית, יעדער איינער אין זיין דרגת האמונה.

***א איד ווייסט אז אלץ איז דער אויבערשטער,***

א מענטש וואס ווערט געבוירן ביי א גוי - ליידיג! גארנישט! ב"ה אז אונז קענען בכלל נישט פארשטיין וואס א גוי מיינט. אונז האבן נישט קיין שום באגריף, וויפיל דארף מען דאנקען אז אונז פארשטיין טאקע נישט ווי אזוי א גוי טראכט, און מ'דארף טאקע נישט פארשטיין! מ'דארף נישט טראכטן ווי א גוי, מ'דארף נישט פארשטיין דעם גוי.

אבער, לויט דעם נקודת ההודאה, ווי דער הייליגער 'חובת הלבבות' גייט צו - איז וואס פאר א מתנה אונז האבן, אז אונז זענען נישט אפגעטשעפעטע פון אויבערשט'ן, מ'האט אהבת ה', דער אויבערשטער האט נחת פון אונז, מ'פרייט זיך מיטן אויבערשט'ן.

אונזערע בליק - א טאג האט א ווערד, א שעה האט א ווערד, מ'ניצט אויס צייט, מ'לערנט. נישט מ'שטיפט די צייט, דער גוי דארף דארך שטיפן זיינע 70 יאר - איז ער פארנומען, דער אויבערשטער האט געמאכט ער זאל זיין פארנומען מיט זיכן געלט, קנאה, תאווה, כבוד. - ס'מאכט עם ווייט פון נחת. ער קומט נישט אן קיינמאל צו איין גליקלעכער "אמן, יהא שמיא רבא". איין "שהכל נהיה בדברו". איין "שמחו בה' וגילו צדיקים והרנינו כל ישרי לב".

**אמת׳ע שמחת חיים ווען מ׳האט קיין שום אייגנקייט, נאר באשעפער.**

ער קומט נישט צו צי די נקודה, ער האט נישט קיין שום נקודת אמת׳ע שמחת חיים! אמת׳ע שמחת חיים קומט ווען מ׳האט נישט קיין שום אייגנקייט, און מ׳האט **יא** באשעפער. נישט ווען מ׳איז א גרויסע יא, וואס דער גאנצער ׳ישות׳ ברענגט אז מ׳קומט דיר נאכאנאנד. די גליקלעכקייט איז פון לעבן מיט באשעפער.

וואס קומט ארויס למעשה, איז איינע פון די זאכן איז, אז דאס איז דער צייט זיך מתבונן זיין, און באמת דאנגען דעם אויבערשט׳ן. איז דער "שלא עשני גוי". וואס איז "שלא עשני גוי"?! איך בין נישט קיין יווני!.

איך וועל דאס מסביר זיין א ביסל טיפער: יוון - איז געווען חושך. אזוי ווי די מעשה פון אבן עזרא, ער זעהט נישט ווי צו גיין - דער חושך. און ב"ה אונז האבן די אור, אונז זענען נישט אין די חושך.

***יוון - איז געווען חושך***

די גוי איז דער חושך, די יוון איז חושך, ער איז מחשיך. און דער איד איז פארקערט פון חושך! אפילו דער שוואכסטע איד האט דער מעט אור, וואס דאס שיינט אריין אין דעם חושך, אז דער איד זאל זיין גליקלעך.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, אונז זאלן באמת דאנקען דעם אויבערשט׳ן אויף דעם. אונז זאגן טאקע נישט דעם ווארט "אתה בחרתנו מכל העמים", ס׳איז נישט קיין יום טוב, אזוי ווי שלוש רגלים וואס אונז זאגן יא "אתה בחרתנו מכל העמים". אבער חנוכה איז מען דאס **מערסטע** צייט פארנומען מיט הלל והודאה.

***חנוכה איז דער יו"ט פון דעם "אתה בחרתנו",***

סתם א יו"ט, זאגט מען טאקע "אתה בחרתנו". אבער, פסח - איז ר"ה פון אמונה. שבועות - איז תורה, יעדע זאך איז זיין נקודה. חנוכה איז א ר"ה פון דעם "אתה בחרתנו", די הלל והודאה איז איך בין נישט קיין גוי. דער עצם זאך אז איך בין נישט קיין גוי, דער עצם זאך דארף מען אויסקאכן שטארק - לפי די ראשונים, די "חובת הלבבות" - דער מהלך, איז א מוירעדיגער צייט פון הלל והודאה, דאנקען דעם אויבערשט׳ן אז אונז זענען ב"ה אידן, און מ׳האט אמונה און בטחון. און דאס חזר׳ן, און לעבן אין דעם.

## "מזמור שיר חנוכת הבית"

אין די טעג פון חנוכה, זינגט מען "מזמור שיר חנוכת הבית". אז מ׳וועט עפענען א תהילים, און זיך א מינוט מתבונן זיין וואס קומט דא פאר אין די קאפיטל? וועט מען זעהן, אז דער קאפיטל איז געבויט פון צוויי יסודי׳שע חלקים:

***א קלארע אמונה - אז דא וועט שטיין דעם ביהמ"ק!***

איין חלק, שטייט דוד המלך אין א צייט נאך אסאך פאר דעם חנוכת הבית. אין די צייט וואס דער אויבערשטער אליין האט עם געזאגט: ׳דו וועסט נישט בויען דעם בית המקדש, דיין זוהן וועט בויען׳. און ס׳איז ידוע אז אפילו שלמה המלך, האט דאס געבויעט מיט נישט קיין קליינע קטרוגים, אז פארוואס ער זאל בויען, און אויך וואס כלל ישראל האט נישט געגלייבט אז דוד המלך וועט קענען געבן א ריר די זאך פון בויען דעם בית המקדש, - דאס איז איין חלק, וואס ער האט מתקן געווען א קאפיטל.

אבער פון נאך דעם ערשט׳ן פסוק, אלעס קאכט זיך אין דעם ענין פון קבלת התשובה פון דוד המלך. די גאנצע קאפיטל איז ווי אלע מפרשים קאכן, צו מ׳האט מקבל געווען די תשובה. און מען זעט טאקע אין דעם טאג פון חנוכת הבית בימי שלמה המלך איז "דבקו שערים זה בזה", א גרויסע סוגיא, "שאו שערים ראשיכם"...

אז מ׳וועט צוטיילן די זאך, וועט מען זעהן אזוי: די ערשטע שאלה, ווי אזוי האט דוד המלך מתקן געווען א קאפיטל אויף א זאך פון לעתיד? איז צום ערשטענס, ווייל ער האט געגלייבט, ער האט געגלייבט א זאך וואס ער האט נישט געזעהן פאר די אויגן. און ער האט אפילו געוואוסט אז ער וועט דאס נישט דערלעבן צו זעהן. אבער ער האט געהאט א קלארע אמונה - אז דא וועט שטיין דעם ביהמ"ק!

***די מזמור איז געבויט - צו גלייבן***

צווייטענס, און נישט נאר דאס, ווען איינער וועט זאגן: ס׳איז ׳ידוע, תהילים ברוח הקודש נאמרו׳. רוח הקודש צו באקומען, איז נאר ווען מ׳האט א טיפע אמונה, אן אמונה, באקומט מען נישט קיין רוח הקודש. רוח הקודש איז נישט דער טייטש, אז מ׳באקומט סתם זאכן פון הימל. גילויים. א איד וואס ער גלייבט אין באשעפער, ער גלייבט אין אלע יסודות, געבט מען עם א גילוי. אזוי ווי "הציץ עליו בעל הבירה" איז נישט

געקומען סתם. אברהם אבינו האט באקומען אזא הארת האמונה, מיט אזא גילוי פון אויבערשט'ן, ווייל ער האט געאקערט, און געלעבט, און געגלייבט, און געקאכט - "מי הוא בעל הבירה" איז "הציץ עליו בעל הבירה".

קומט אויס, א מורעדיגע יסוד, אז די מזמור איז געבויט - צו גלייבן, און האפן, און האבן א קלארקייט אין "מזמור שיר חנוכת". אונז ווארטן אויף נאך א ביהמ"ק, דארפן אונז גלייבן אז ס'גייט נאך זיין א חנוכת הבית פון א בית שלישי.

### *די נקודה פון תשובה*

אבער נאך א נקודה וואס באגלייט אונז איז, די צווייטע האלבע נקודה - די נקודה פון תשובה. יום חנוכת הבית איז אראפגעקומען א מתנה אויף די וועלט, א מתנה וואס ביז די יעצטיגע מינוט - איז דאס פאר אונז נוגע יעדן מינוט. וואס הייסט? ס'איז נתגלה געווארן דער כוח התשובה אויף די וועלט. דהיינו, די גמרא זאגט "לא היה דוד ראוי לאותו מעשה, אלא להורות תשובה". ווען איז געקומען דער גרעסטער אור, וואס איז נתגלה געווארן - יא, מ'האט מקבל געווען דוד'ס המלך תשובה? יום חנוכת הבית. מ'האט אריינגעשטעלט דעם ארון, דער גאנצע סדר...

קומט אויס, אז דאס איז געבליבן פאר אונז, עד היום הזה, די נקודת תשובה וואס מ'לערנט ארויס.

### *די הבנה פון תשובה*

א דריטע זאך, וואס ס'איז דא דא, איז א נקודה: אין די הבנה פון תשובה - אז דאס איז א הגדרה פון התחדשות, זיך באנייען. ס'איז ידוע, זייער אסאך ספרים הקדושים, בפרט די חסיד'ישע ספרים, רעדן, אויף חנוכה, אז דאס איז א לשון אזוי ווי חנוכת הבית - מ'באנייט א שטוב, זיך באנייען. וועט מען אויכעט פארשטיין, פארוואס זאגט מען יעדן אינדערפרי "מזמור שיר חנוכת הבית" (די לוטווישע זאגן דאס פאר הודו, אונז זאגן דאס נאך הודו). ס'איז דא א מורעדיגע זאך, דער ראשית, די ערשטע זאך, אונז האבן התחדשות. מ'באנייט זיך, ס'איז א נייע טאג. מ'הייבט אן די עבודה פון דעם טאג. און צו דערצו, א איד וועט זאגן: 'איך שטעל זיך דאווענען?' יא!, ס'איז דא אזא זאך תשובה, יא! דו שטעלסט זיך דאווענען. 'להורות תשובה' יא! אפילו ווי דו קוקסט אויס, די דאווענען האט מיט דיר.

### *"מזמור שיר חנוכת" פון חנוכה און פון תשובה*

וואס קומט ארויס למעשה, אונז האבן א "מזמור שיר חנוכת" פון חנוכה, וואס דעמאלץ איז געווען א גילוי פון חנוכת המזבח. אבער אונז האבן א "מזמור שיר חנוכת" פון 'להורות תשובה', וואס דאס איז יעדן טאג. דאס איז פארן דאווענען פון יעדן טאג, און 'להורות תשובה' פון פארן דאווענען פון יעדן טאג. און דאס איז א זאך וואס קען אונז באגלייטן און אונזערע גאנצע לעבן.

דער אויבערשטער זאל העלפן, מ'זאל טאקע נעמען דעם התחדשות אויף יעדן טאג, אזוי ווי די חסיד'ישע ספרים זאגן: א איד דארף נעמען א נקודת התחדשות אויף יעדן טאג. און ווי די סלונים'ע ספרים קאכן: נישט איין מאל א טאג, נאר טויזנט מאל א טאג. און לעבן מיט א נקודת התחדשות, התחדשות מיט תשובה גייען צוזאמען. ווען א מענטש - כל זמן ער שלעפט מיט די אלע אלטע זאכן, איז ווי פיל ער וועט זאגן 'איך באניי זיך', איז ער נישט קיין נייער, ער שלעפט מיט די אלטע...

### *התחדשות מיט תשובה גייט צוזאמען*

אבער די מינוט וואס א מענטש איז מאמין, אז תשובה איז דער טייטש, אפגעווישט, "חנון המרבה לסלוח", די זאך איז אפגעווישט, און ער גלייבט אין "חנון המרבה לסלוח". "מרבה לסלוח", שטייט נישט 'חנון הסולח' - נאר א "מרבה", דאס איז דער טייטש, אז יעדע מינוט איז דא א נייע נקודת תשובה. "חנון המרבה לסלוח" - נאך אמאל תשובה טועהן מיט א נייע התחדשות, מיט נאכאמאל תשובה מיט א התחדשות. נאך א קרעכץ צום אויבערשט'ן, און ער זאגט, 'רבוש"ע, איך וויל פון יעצט זיין גוט, מעתה ועד עולם, פון די מינוט'. דאס איז א נקודת תשובה - די הארץ מיט די מוח ווערן צוריק צוגעטשעפעט צום אויבערשט'ן.

און אזוי ווערט מען דערנענטערט צום באשעפער, און מ'לעבט אין דעם "מזמור שיר חנוכת הבית".

דער אויבערשטער זאל העלפן, מ'זאל לעבן מיט דעם.

**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**
להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות
**ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com**
**די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:**
**ארץ ישראל - 02-5368970**
**ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488**